UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
The Function of the Bureau of Jewish Education / The Function of the Bureau of Jewish Education

## Permalink
https://escholarship.org/uc/item/4jn4v532

## Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

## Author
Bridger / Bridzsher, David / Dovid

## Publication Date
1953

## Copyright Information
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# די פונקציע פון דער ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג

פון ד״ר דוד ברידזשער

פון דעם שטאַנדפּונקט פונעם יידישן קהילה-לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס, איז די ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג בלי-ספק איינע פון די וויכטיקסטע געזעל-שאַפטלעכע אינסטיטוציעס. די אמתע ראָלע פון דער ביוראָ קען אָפּגעשאַצט ווערן ווי געהעריק נאָר דעמאָלט, ווען מיר גלויבן אַז די צוקונפט פון דער יידישער קהילה הענגט אָפּ בעיקר אין דער אידענטיפיצירונג פון יונגן יידישן דור מיט די קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און אויפגאַבעס פון יידישן פאָלקס בכלל און פון דעם יידישן קיבוץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן בפרט.

די ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג אין לאָס אַנדזשעלעס האָט היינט-צו-טאָג די אויפזיכט איבער 70 פאַרשיידענע יידישע שולן, דהיינו: גאַנצע טאָג-שולן, העברעאישע און יידישע נאָכמיטאָג-שולן, קינדערגאָרטנס, און זונטיק-שולן.

דער אַלגעמיינער איינדרוק איז, אַז די הויפּט-פונקציע פון דער ביוראָ איז צו העלפן פינאַנציעל די עקזיסטירנדיקע יידישע שולן. עס דאַרף אָבער אונטער-געשטראָכן ווערן, אַז די פינאַנציעלע הילף וואָס די ביוראָ גיט די שולן איז בלויז אַ מיטל צו דערגרייכן דעם עיקר-ציל:—די פאַרבעסערונג און פאַרשטאַרקונג פון יידישן שול-וועזן און צו פאַרזיכערן די דערגרייכונג פון בעסערע און מער פּעולה-דיקע דערציערישע רעזולטאַטן.

עס איז דערפאַר וויכטיק אַז דער ברייטער עולם זאָל וויסן וועגן די עיקר-פונקציעס און טעטיקייטן פון דער ביוראָ, וואָס ווערט דאָ סומירט:

1.—דורך דעם סטעף פון אַנגעשטעלטע מיט הויכן סטאַזש און דערפאַרונג, העלפט די ביוראָ דעם פּרינציפּאַל פון יעדער שול אויסצואַרבעטן אַ לערן-קורס און לערן-פּלאַן, וואָס איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט פאַר אירע באַדינגונגען. די ביוראָ פירט אָן מיט וועכנטלעכע לערער-סעמינאַרן, און קאָאָפּערירט מיט דעם „קאַלעדזש פון יידישע לימודים", און מיט דעם „אוניווערזיטעט פאַר יודאַאיזם" אין זייערע אָנשטרענגונגען צוצוגרייטן יידישע לערער פאַר אַלע טיפּן יידישע שולן.

2.—די אויפפּאַסערס, אָדער דערציערישע מפקחים פון דער ביוראָ, באַזוכן פעריאַדיש יעדער שול, גיבן פאַכמענערישע עצות ווי אויסצובעסערן די לימודים, און באַקאַנען די פּרינציפּאַלן און די לערערס מיט די נייע טעקסטביכער און לערן-מאַטעריאַלן.

3.—דער מפקחים-סטעף פון דער ביוראָ גרייט צו און אַדמיניסטרירט פּערי-דישע טעסטן און עקזאַמענס אין אַלע לימודים, כדי די שולן זאָלן קענען ווי עהעריק אָפּצושאַצן די דערציערישע רעזולטאַטן, און אויפן סמך פון וועלכע די רער קענען אויסבעסערן זייערע מעטאָדן און דערגרייכונגען.

4.—די אינפאָרמאַציע אָפּטיילונג פון דער ביוראָ האָט אַן אַקטיוו רעקאָרד אַלע יידישע קינדער וועלכע באַזוכן די שולן, און העלפט די שולן פון יעדער ענט צוזאַמען, און יעדער שול באַזונדער, אין זייערע ווערביר אַקציעס פאַר תלמידים.

5.—דער סערטיפיקאַציע־קאָמיטעט פון דער ביוראָ העלפט די שולן צו קריגן קוואַליפיצירטע לערער און האָט איינגעשטעלט אַ באַשטימטע סקאַלע פון לערער־שכירות אין איינקלאַנג מיט די קוואַליפיקאַציעס און דערפאַרונג פון יעדן לערער.

ת.—די ביוראָ גיט אַרויס פעריאָדישע ביולעטינען פאַר עלטערן און לערער און גרייט צו האַנטביכער און פאַרשיידענע פעדאַגאָגישע מאַטעריאַלן, כדי צו פאַרגרינגערן און אויסצובעסערן די אַרבעט פון די לערער און תלמידים אויף יעדן געביט פון די שול־אַקטיוויטעטן.

7.—די „אוידיאָ־וויזשואַל" אָפּטיילונג פון דער ביוראָ גרייט צו פאַר די שולן כלערליי פּלאַטעס („רעקאָרדס") און „פילם־סטריפּס" אויף יידישע טעמעס וואָס העלפן צו קאָנקרעטיזירן און פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון לערנען. די אָפּטיילונג האָט איינגעשטעלט אַ גרויסע ביבליאָטעק פון דערציערישע „סליידס" בילדער, טראַנסקריפּציעס פון ראַדיאָ פּראָגראַמען, פילמען א.אַז.וו., מיט וועלכע די שולן קענען זיך באַנוצן.

8.—די ביוראָ פירט אָן מיט אַ צווישן־שול „קרן עמי" פּראָגראַם, מיטן צוועק צו דערציען די תלמידים אין די יידישע שולן זיך צו באַטייליקן אין די צדקה־אַקציעס פון דער יידישער קהילה און זיי באַקענען מיט די אויפגאַבעס פון די יידישע לאָקאַלע, נאַציאָנאַלע און וועלט אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס.

9.—די ביוראָ פירט אָן מיט צווישן־שול דערציערישע פּראָיעקטן און פּראָגראַמען, ווי: אַלגעמיינע גראַדויאיר־צערעמאָניעס, צווישן־שול יום־טובים, כדי צו גיבן די תלמידים דאָס געפיל פון אָנגעהעריקייט און באַטייליקונג אין דעם לעבן און אַקטיוויטעטן פון דער יידישער קהילה.

10.—דער קונסט־דעפּאַרטמענט פון דער ביוראָ האָט די אויפזיכט איבער די פּראָגראַמען פון געזאַנג, דראַמע און טאַנץ אין די יידישע שולן, און אַראַנזשירט פעריאָדישע עפנטלעכע קאָנצערטן.

11.—די ביוראָ פירט אָן מיט אַ שטאָטישער קאַמפּאַניע צו ווערבירן קינדער אין די שולן, דורך פאַרזאַמלונגען, פּלאַקאַטן, פלוג־בלעטלעך, ראַדיאָ־פּראָגראַמען מודעות אין די צייטונגען, און דורכן דירעקטן באַזוך אין די יידישע היימען.

12.—די ביוראָ אָרגאַניזירט און קאָאָפּערירט מיט דער „קאָנפערענץ פו שול־פאַרוואַלטונגען", מיט דעם „עלטערן און לערער קאָנסיל", מיט דער „לאַ אַנדזשעלעסער געזעלשאַפט פאַר יידישער דערציאונג" און מיט „איזראַעלא די פרויען אָרגאַניזאַציע פאַר יידישער דערציאונג. די אויסגערעכנטע אָרגאַנ ציעס העלפן, יעדער אויף איר שטייגער, צו פאַרברייטערן און אויסצובעס דעם יידישן חינוך אין לאָס אַנדזשעלעס, דורך פינאַנציעלע און דערציער אונטערנעמונגען.